**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/21/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 232 מיליאן דאלאר אין צוגעגעבענע עסנווארג הילף פאר ניו יארקער פאר אפריל

***אלע SNAP הויזגעזינדער וועלן באקומען די מאקסימום מאס עסנווארג בענעפיטן דעם חודש***

***איבער 696 מיליאן דאלער אין בענעפיט צוגאבן אויסגעטיילט זינט יאנואר***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז אלע ניו יארקער איינגעשריבן אין דעם ׳סופלעמענטאל ערנערונג הילף פראגראם׳ וועלן באקומען די מאקסימום סומע ערלויבט פאר עסנווארג בענעפיטן פאר אפריל. אלע הויזגעזינדער וועלכע באקומען SNAP – אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין יעצט די מאקסימום סומע בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סכום שפעטער דעם חודש, און אלס רעזולטאט וועט ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע באקומען בערך 232 מיליאן דאלאר פון פעדעראלע געלטער.

״די הארץ-רייסנדע אויסזיכט פון עסנווארג-נויט איז איינס וואס קיין שום ניו יארקער זאל אמאל דארפן אויסשטיין,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״דורך צושטעלן דער מאקסימום ערלויבטע מאס עסנווארג בענעפיטן פאר נויטבאדערפטיגע, קענען מיר העלפן אנגעשטרענגטע הויזגעזינדער זיך אן עצה צו געבן אן האלטן עסנווארג אויפ׳ן טיש אין דער צייט וואס מיר זעצן פאר ווייטער אונזער עקאנאמישע ערהוילונג פון דעם קאָוויד-19 קריזיס.״

SNAP הויזגעזינדער אין אלע קאונטיס אויסער ניו יארק סיטי דארפן זען די בענעפיטן אריינקומען אנגהויבן פון היינט, פרייטאג, אפריל 22. די SNAP הויזגעזינדער אין דעם פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן דארפן זען זייערע בענעפיטן אריינקומען ביז פרייטאג, אפריל 29.

די עמערדזשענסי צוגעלייגטע הילף וועט צוגעשטעלט ווערן פאר פאמיליעס וועלכע באקומען געווענטליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP – א פעדעראל-פינאנצירטע פראגראם וואס ווערט אנגעפירט דורכ׳ן סטעיט׳ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף. יענע הויזגעזינדער וועלכע באקומען שוין נאענט צו דער מאקסימום בענעפיט סומע — 835 דאלער פאר א הויזגעזינד מיט פיר מיטגלידער — וועלן באקומען א צוגעגעבענע סומע פון וויניגסטנס 95 דאלער.

OTDA האט אנגעהויבן ארויסגעבן די עמערדזשענסי סופלעמענטאלע בענעפיטן אין אפריל 2020 צו SNAP הויזגעזינדער וועלכע באקומען וויניגער ווי די מאקסימום מאנאטליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט׳ס עמערדזשענסי דעקלעראציע איז אפגעלאפן אין יוני 2021, האט דער אגענטור ערפאלגרייך געארבעט מיט דער פעדעראלער רעגירונג צו פארשאפן די מאקסימום סומע פאר אלע SNAP הויזגעזינדער ביז ווען עס לויפט אפ די פעדעראלע דעקלעראציע, וואס איז איצט ערווארטעט זיך ארייננצוציען אין יוני.

SNAP בענעפיטן וועלן אויך שפילן א וויכטיגע ראלע אין ניו יארק׳ס עקאנאמישע ערהוילונג, איינשפריצנדיג איבער 696 מיליאן דאלער אין דער סטעיט׳ס עקאנאמיע ביז אהער דעם יאר. יעדע פעדעראלע דאלאר אינוועסטירט אין SNAP טרייבט ביז 1.54 דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א פעדעראלע שטודיע וואס האט אויסגערעכנט די השפעה פון SNAP אויף דער עקאנאמיע פון די פאראייניגטע שטאטן.

**אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״די צוגעגעבענע בענעפיטן האבן געשפילט א ריזיגע ראלע אין העלפן ניו יארקער אויסמיידן די עסנווארג-נויט וועלכע איז נאך ערגער געמאכט דורך דער אלוועלטליכער פאנדעמיע. אין צוגאב צו דאס ארויסהעלפן נויטבאדערפטיגע הויזגעזינדער, וועט די פינאנצירונג צושטעלן א געוואונשענע אונטערהייב-כוח פאר ארטיגע ריטעיל געשעפטן און שטערקער מאכן אונזער סטעיט׳ס אלגעמיינע עקאנאמיע.״

**סענאט מאיאריטעט פירער טשאָק שומער האט געזאגט,** ״קיין איין ניו יארקער טאר זיך קיינמאל נישט דארפן זארגן איבער פון וואו זייער נעקסטער מאלצייט וועט קומען. צוליב דעם האב איך געקעמפט פאר א היסטארישע העכערונג צו SNAP דורכאויס דער פאנדעמיע דורך דער ׳פאראייניגטע אויסטייל-באשטימונג׳ געזעץ פון 2021, און נאכאמאל אין דעם ׳אמעריקאנער רעטונגס פלאן׳. מיר האבן פארשטערקערט אונזערע באמיאונגען צו ליפערן די צוגעגעבענער שטיצע אין פעדעראלע געלטער צו העלפן אנגעשטרענגטע פאמיליעס האלטן עסנווארג אויפ׳ן טיש. SNAP איז א לעבנס-מיטל פאר אזוי פיל ניו יארקער, און איך וועל שטענדיג קעמפן צו ליפערן די פעדעראלע באדערפענישן זיכער צו מאכן אז קיין שום ניו יארקער גייט נישט הונגעריג אדער ווערט איבערגעלאזט פון הינטען.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״אזוי ווי שטייגנדע עסנווארג פרייזן טוען אנשטרענגען ניו יארקער בודזשעטן, וועט די עקסטערע SNAP געלטער צושטעלן א לעבנס-מיטל פאר מיליאנען איינצעלנע מענטשן און פאמיליעס איבער׳ן סטעיט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר׳ן צושטעלן די קריטיש-וויכטיגע הילף פאר נויטבאדערפטיגע און איך קוק ארויס מיט חשק אנצוגיין ווייטער און ארבעטן אינאיינעם אויסצוראטן הונגער.״

**קאנגרעסמאן עדריאנא עספיילאט האט געזאגט,** ״ביים שפיץ פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, האט ארבעטסלאזיגקייט דערגרייכט א רעקארד 14 פראצענט אזוי ווי אמעריקאנע זענען אויסגעשטאנען ריזיגע צאלן אפגעזאגט פון דער ארבעט און ארבעטס-פלאץ פארשליסונגען. עסנווארג-נויט איז געווען ביי א ווענדפונקט ווען דער אויסבראך האט זיך אנגעהויבן, און SNAP בענעפיטן זענען קריטיש-וויכטיג געווען אויף צו העלפן פאמיליעס זיך האלטן ביים קיום דורכאויס די שווערע צייטן. די לעצטיגע אויסמעלדונג פון נאך סופלעמענטאלע הילף אויף צו שטיצן SNAP טוט ווידער-באשטעטיגן אונזער אנטשלאסנקייט און באמיאונגען צו העלפן פאמיליעס צוריק אוועקצושטעלן זייערע לעבנס אין דער צייט וואס ניו יארק גייט ווייטער מיט די ערהוילונג ארבעט.״

**קאנגרעסמאן שאן פעטריק מעלאני האט געזאגט,** ״פראגראמען ווי SNAP זענען א לעבנס-מיטל פאר מיליאנען ניו יארקער פאמיליעס, העלפנדיג שטעלן עסנווארג אויפ׳ן טיש פאר נויטבאדערפטיגע. איך האב געקעמפט צו פארזיכערן אז די פינאנצירונג פאר SNAP איז ארייגערעכנט געווארן אין קאָוויד פארלייכטערונג לעגיסלאציע כדי אז קיין שום פאמיליע דארף זיך נישט זארגן פונוואו זייער נעקסטער מאלצייט וועט קומען. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר פארזעצן ווייטער די ארבעט פון אויסטיילן די מאקסימום בענעפיטן פון דעם העכסט-נייטיגן פראגראם כדי אז ניו יארקער האבן די שטיצע וואס זיי ברויכן האבן אויף צו שפייזן זייערע פאמיליעס.״

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געוועהנטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

ניו יארקער פארלאזן זיך נאך זייער אויף SNAP, מיט איבער 1.6 מיליאן הויזגעזינדער לענגאויס דעם סטעיט אויף דאס ניי איינגעשריבן אין דעם פראגראם אין פעברואר. איבער 2.8 מיליאן ניו יארקער האבן באקומען בענעפיטן אין פעברואר, די מערסטע זינט יוני 2021.

געפונט מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי SNAP בענעפיט צוגאבן, אריינגערעכנט ענטפערס אויף אפט געפרעגטע פראגעס, [דא](). ניו יארקער קענען נאכקוקן זייער בארעכטיגקייט פאר SNAP און זיך ווענדן אָנליין, דורך באזוכן [mybenefits.ny.gov]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן